**הילולת רביז"ל**
**ח"י תשרי**

בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

**שיחות התחזקות בעבודת השם**
**ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע**
**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**
**מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים**

**~ אידיש ~**

קונטרס כ"ב, סוכות - הילולת רבינו ז"ל

# תוכן השיעור


'ביתו נאוה קודש'!
"מקרב געווען צו א אינגל"!
"אזא איידעם - הייסטו איהם לערנען משניות"?!
"ווי קען מען זיין אזוי ווייט פון א רבי'ן"?!
"זיין מקושר צו מיר ווילאנג דו ווערסט לעבן"!
נאר איך בין 'קלוגער' ווי דיר!...
'כי מרחמם ינהגם'!
"עס זאל זיך קיינמאל נישט אויפהערן"!
"דא איז גוט צו ליגן"!
"ס'איז דא מיט וועמען צו רעדן"!...
'ביקור חולים'
"אמת'ע רחמנות"!
"לדעת בארץ דרכך"?!
'עליונים למטה ותחתונים למעלה'!
'והשיבו וחיו'
'לולי משה בחירו עמד בפרץ'
"אויף איהם קרעכצעט איר"?!
"גאר מיין מזל זאל נישט זיין פון איהם פארמיטן!
דער 'עיקר' מענטש!...
"לעבעדיגע טעג"!
'מקטן ועד גדול'!
'פדיון הכולל'!


להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

(ארה"ב; **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל)

לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 22


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)


**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל כדי להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;

**Rlyb148@gmail.com**


מופץ ע"י ברסלב גלובל **Info@Breslevglobal.com**

# הילולת רביז"ל תשכ"ט

(טייפ מס' 2)

## 'ביתו נאוה קודש'!

היינט אינעם 'הילולא' פונעם רבי'ן - אינעם (טאג פון די) 'הסתלקות' פונעם רבי'ן, וועלן מיר פריער אביסל רעדן פונעם 'לידה' פון דעם רבי'ן - די יארן פונעם רבי'ן אין די אלע צייטן (- ימי נעוריו).

עס שטייט אין חיי מוהר"ן,[א] אז דער רבי איז געבוירן געווארן אין שנת תקל"ב, רבי נתן איז מחדש אז דאס איז ריכטיג, דער רבי איז געבוירן געווארן אין מעזיבוש, "אין דער חדר פון דער בעל שם הקדוש'ס חדר"![ב]

אז דער בעל שם הקדוש איז נסתלק געווארן, איז ר' הערש (בן הבעש"ט) געווען א פארמעגליכע מענטש, האט ער נישט בא'דארפט נעמען קיין ירושה, האט דער הויז וואס דער בעל שם הקדוש האט געוואוינט - האט גע'ירש'נט די טאכטער אדל, "אדל'ע" - דער בעל שם הקדוש'ס טאכטער - זי האט גע'ירש'נט דער הויז!

אז זי האט חתונה געמאכט די טאכטער פיגא - דאס איז דעם רבי'נס מוטער - האט זי אוועקגעגעבן דער בעל שם הקדוש'ס הויז פאר'ן איידעם ר' שמחה - דעם רבי'נס פאטער, האט זי אוועקגעגעבן פאר זיי די הויז פונעם בעל שם הקדוש, איז דעם רבי'נס מוטער און פאטער - האבן זיי געוואוינט אינעם חדר פונעם בעל שם הקדוש, און דארטן איז דער רבי געבוירן געווארן, אין דעם חדר!

*

דער רבי איז געבוירן געווארן תקל"ב, אין מעזיבוש, אין דעם חדר פונעם בעל שם הקדוש.

---

[א] עי' חיי מוהר"ן אות ק"ד.

[ב] עי' שיח שרפי קודש ב' אות ש"ח.

ווען דער רבי איז געווען א קינד פון פינעף - זעקס יאר, איז שוין דער דעת געווען ביים רבי'ן זייער גרויס, מען קען גארנישט פארשטיין וואספארא דעת דער רבי האט שוין דעמאלטס געהאט! די חבריא פונעם בעל שם הקדוש פלעגן זיך צינויף קומען קיין מעזיבוש, פלעגן זיי זיין אין דעם שטוב פונעם בעל שם הקדוש, וואס דארט איז געווען דער רבי (- אלס קינד כנ"ל), פלעגן זיך צינויף קומען די אלע תלמידים, יעדער האט גערעדט אלץ פונעם בעל שם הקדוש - וואס ער האט געדענקט עפעס א סיפור פונעם בעל שם!

און דער רבי האט דאס אלץ געהערט, ווייל ער איז געווען א קינד פון די (- מרת פיגא ובעלה ר' שמחה זצ"ל), דער רבי האט געזאגט; **אז דאס האט איהם אסאך געהאלפן צו די עבודה - דאס וואס ער האט זיך אנגעהערט פון די אלע מעשיות!** - וואס ער האט זיך אנגעהערט פונעם בעל שם הקדוש פון די עבודות! [ג]

*

## "מקרב געווען צו א אינגל"!

אזוי קומט אויס אז דער רבי איז געווען אין דאס יאר פון תקמ"ה - ביי די בר מצוה איז געווען דעם רבי'ס חתונה, צוזאמען! אזוי זאגט מען - ס'איז געווען צוזאמען דער בר מצוה מיט די חתונה - איז געווען צוזאמען! צו פונקט דעם טאג - (אדער נישט).

די עבודה וואס דער רבי האט געטוהן דעם טאג - אפילו דעם טאג - ר' שמעון'לע דעם רבי'נס תלמיד, דער ערשטער תלמיד דעם רבי'נס, וואס האט אויך געוואוינט אין מעדוועדיווקע, ער איז נאך מקורב געווארן צום רבי'ן נאך פאר די חופה! [ד]

פאר די חופה - דאס הייסט [נאכ'ן] באדעקן, האט דער רבי דארטן געזעהן אסאך יונגעלייט - איז געווען ביים רבי'ן, און דער רבי האט גערעדט מיט זיי, דער רבי האט געזעהן ווי אזוי זיי האלטן - יעדער יונגערמאן ביי וואס ער האלט.

[ג] עי' שיחות הר"ן אות קל"ח.

[ד] עי' חיי מוהר"ן אות ק"ו.

אבער אז דער רבי האט אנגעהויבן צו רעדן מיט ר' שמעון'לע - - די יונגעלייט זענען נישט געווען אזוי גרוים אזוי ווי זיי האבן באדארפט צו זיין, דער רבי האט געזעהן יעדער יונגערמאן ביי וואס ער האלט, האט דער רבי אנגעהויבן צו רעדן מיט ר' שמעון'לע, האט ר' שמעון'לע זיך אנגערופן צום רבי'ן - איך גערענק נישט דער לשון פונקט; **"איך מיין בתמימות ובפשיטות! איך מיין פראסט! איך וויל נישט"!** (- לעסוק בהבלי העולם).

(אמר לו רביז"ל); **"האַ! אז דו מיינסט אזוי, קום'זשע מיט מיר"!**

איז דער רבי ארויסגעגאנגען מיט איהם חוץ לעיר, ס'איז נאך געווען פאר'ן [חופה]! און ער האט מיט איהם גערעדט, ער האט איהם אזוי צוגעצויגן צום תכלית, אז ער האט זיך אנגערופן זיך צום רבי'ן; **"איר וועט דאך בוודאי זיין א רבי, א מפורסם, זאל איך כאטש זוכה זיין צו זיין ביי אייך א משמש"!**

און דאס איז נאך געווען נאך פאר די חופה, האט ר' שמעון'לע זוכה געווען צו דערקענען דעם רבי'ן - נאך פאר'ן [חופה]!

ר' שמעון[ה] האט געזאגט טאקע; **"איך האב אוועקגעווארפן אלע רבי'ס, איך האב זיך מקרב געווען צו אן אינגעל"!** [דאס איז א אינגעל, ווייל ער איז נאך געווען פאר'ן חופה].

*

די עבודה וואס דער רבי האט געהאט דארטן אין אוסיאטין, דאס איז א דארף לעבן טשעהרין - לעבן מעדעוועדיווקע, א דארף - אוסיאטין, דארטן האט דער רבי חתונה געהאט.

די עבודה פונעם רבי'ן וואס ס'איז געווען אין די יארן נאך די חתונה, דאס קען מען זיך גארנישט משער זיין, דאס קען מען גארנישט מצייר זיין - די עבודה וואס דער רבי האט געהאט!

[ה] עי' אבני"ה ברזל - שיחות וסיפורים מרביז"ל אות נ"א.

אז דער רבי איז געגאנגען אמאל מיט רבי שמעון'לען אין די פעלדער (בסמיכות לכפר הנ"ל שדר שם בצעירותו), האט דער רבי זיך אנגערופן; "וואס האט מיר געטויגט די פירסום, דא האב איך מיט יעדע פסיעה - האב איך געפילט טעם גן עדן![ו]

דער רבי האט א זאג געגעבן אמאל; מיט זיי צוזאמען (- העשבים) איז גוט פרום צו זיין! און די אלע גרעז'עלעך זאגן זיך שירה צום אויבערשטן, און העלפן צו (דעם מענטש)! מיט זיי צוזאמען איז זייער גוט פרום צו זיין"![ז]

*

## "אזא איידעם - הייסטו איהם לערנען משניות"?!

דער אנהויב וואו דער רבי האט אנגעהויבן נתגלה צו ווערן, איז געווען אין א שטעטעלע, דאס הייסט א שטעטל לעבן טשעהרין, אלכסנדראווקע, [איך בין געווען דארט אין דעם שטעטל].

דער שווער האט געוואוינט אין אוסיאטין, אז דער שווער האט באדארפט פאָרן - האבן יארצייט (להתפלל לפני התיבה), אינעם דארף איז נישט געווען קיין מנין, איז ער צוגעפארן קיין אלכסנדראווקע, האט ער מיטגענומען דעם רבי'ן מיט זיך - אן איידעם האט ער מיטגענומען מיט זיך - דעם נייעם איידעם![ח]

די יונגעלייט האבן געוואלט מאכן עפעס א שמועס מיט'ן רבי'ן, תוהה זיין על קנקנו - צו קען ער לערנען - אזוי ווי דער שטייגער פון יונגעלייט האבן זיי געוואלט מאכן! איז ווי קענען זיי מאכן א שמועס? האבן זיי געזאגט צום שווער אז ער זאל הייסן לערנען דעם איידעם משניות (לפני הציבור)! דער איידעם זאל לערנען משניות - ממילא וועט מען קענען מאכן א פלפול און מ'וועט רעדן!

האט דער רבי גענומען דער משניות, און האט זיך אויסגעדרייט מיט'ן פנים צו דער וואנט, און ער האט געלערנט דארט! דערווייל האט מען געשיקט נאך משקה - קויפן משקה, "ר' אפרים האט יארצייט"! ער איז געווען א שם דבר; 'ר' אפרים'!

---

[ו] עי' חיי מוהר"ן אות ק"ז.

[ז] שיחות הר"ן אות קס"ג.

[ח] עי' כל הסיפור בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות מ"ז (ב').

מען האט געקויפט! און דער רבי לערנט נאך אלץ משניות, שטייט מיט'ן פנים צו דער וואנט!

האבן זיי געזעהן אז זיי האבן נישט דאס געמיינט, זיי האבן געמיינט אז זיי וועלן קענען עפעס רעדן - מיט איהם מאכן, ער זיצט מיט'ן פנים צו דער וואנט און לערנט!

האבן זיי א זאג געגעבן צום שווער, זאג דער איידעם ער זאל שוין ענדיגן! אזוי ווי דער רבי האט זיך אויסגעדרייט צו דער שווער, איז דער שווער געבליבן 'חלשות', ער איז געפאלן און געבליבן חלשות!

מען האט איהם דערמונטערט, האט ער געזאגט - דער שווער; "אז בשעת ער איז געבליבן חלשות, האט ער דערזעהן דער טאט'ן זיינעם - וואס ער האט געהאט נאך איהם יארצייט, האט ער (דער טאטע) א זאג געגעבן; דו האסט אזא איידעם, האסטו גארנישט פון איהם, נאר וואס דו הייסט איהם לערנען משניות"?! נאר וואס דו הייסט איהם לערנען משניות?!!!

דאס איז די ערשטע זאך וואס די יונגעלייט האבן אנגעהויבן געוואויר צו ווערן פונעם רבי'ן!

*

און דער רבי האט זיך זייער פארבאהאלטן - זייער 'בהצנע לכת', אבער אז דער אויבערשטער וויל אז דער אמת'ער צדיק זאל נתגלה ווערן, וואס אין דעם צדיק הענגען אהן אלע נשמות פון דער וועלט, העלפט דאך נישט (מה שמצניע עצמו)! מוז ער דאך נתגלה ווערן!

דאס איז געווען די מעשה, דאס איז געווען אין אלכסנדראווקע, דאס איז די ערשטע זאך וואס דער רבי האט אנגעהויבן נתגלה צו ווערן!

*

נאך א מעשה איז געווען אין אלכסנדראווקע מיט א 'ברית', [ט] עס איז געווען א ברית, און דער רבי איז דעמאלטס געווען אין אלכסנדראווקע, און דער רבי איז געווען אויפ'ן ברית.

דערווייל איז געווען אין שטאט, איז עפעס געווען - די גלחים פלעגן אלץ לאָקערן צונעמען א אידיש קינד, דארטן די מיידלעך - זיי חלילה אפשמד'ן.

פון א שטוב פון א טאט'ן איז נעלם געווארן דאס מיידל, דאס מיידל איז נישט דא! זי איז נישט דא. און מען האט געוואוסט דארטן אז דער גלח דארטן לאקערט נאך זיי - - געוואלד, וואס זאל מען טוהן?! דער גלח איז געווען זייער א גרויסער 'צורר היהודים'.

איז מען אריין אויפ'ן ברית, מען האט אנגעהויבן מיט א געוואלד צו שרייען, און דער רבי איז געזעצן דארטן, האט זיך אנגערופן דער רבי צו זיי; דאס מיידל געפונט זיך דא אין אלכסנדראווקע ביי 'דעם גלח'!

האט דער רבי געזאגט אזוי; נעמט עטליכע מענטשן, שטארקע מענטשן, און זיי זאלן צוגיין דארט צו דעם (הויז פונעם) גלח, וועט זי ארויסקוקן דורכ'ן פענסטער, וועט מען איר א וואונק געבן אזוי, וועט זי אראפגיין, און איר וועט איר גלייך נעמען און אוועקפירן דארטן אין א אנדערע שטעטל! - האט די רבי געהייסן, האט מען אזוי געטוהן.

דערווייל איז געווארן א געשריי ביים גלח "מען האט צוגענומען דאס מיידל"! זענען ארויס די אלע גויים מיט העק און מיט אייזנ'עס - אויף צו הרג'ענען זיך! נו, און אז מען האט דאך שוין געזעהן אז דער רבי 'זעהט', איז מען שוין נאכאמאל אריינגעלאפן אויפ'ן ברית צום רבי'ן, האט דער רבי זיי געזאגט; "גייט אויך אנטקעגן זיי! גייט אויך אנטקעגן מיט העק און מיט אייזנ'עס! זיי וועלן זעהן איר גייט אנטקעגן, וועלן זיי אפלאזן! זיי מיינען נישט צו שלאגן זיך"!

וכך הוה, אזוי איז געווען, און ס'איז געווארן שטיל!

נאכדעם האט דער רבי געשיקט רופן א בחור, דאכט זיך א 'שוסטער בחור', דער רבי האט איהם געשיקט רופן, און דער רבי האט איהם אנגע'שדכנ'ט א שידוך דאס

[ט] שם אות כ"ו (ב).

מיידל! און דער רבי האט איהם אזוי געזאגט; "ס'קומט דאך פאָר אמאל דארטן א קריגעריי - דארטן ביי א מאן און ווייב, 'דעם בזיון' (שהיתה נתפסת בבית הכומרים) זאלסטו איר קיינמאל נישט אויסלאכן! זאג איך אייך צו, אז איר וועט האבן גוטע קינדער"!!!

מען האט געזאגט, אז מען האט דערקענט אויך די קינדער! זיי זענען געווען גרויסע רבנים, גדולים, זענען זיי געווען די קינדער, פון די (שידוך)!

*

דאס איז אלץ געווען אזעלכע סיפורים וואס דער רבי האט אנגעהויבן נתגלה צו ווערן!

אזוי אז דער רבי האט געוואוסט - אז מען קומט אריין מיט א מיידל וואס איז פארכאפט געווארן, און ער ווייסט (אוואו זי איז), מוז ער דאך גיבן א עצה! מען מוז דאך ראטעווען א אידישע טאכטער! ממילא איז געווארן - נישט ווילענדיג איז דער רבי נתגלה געווארן!

*

## "ווי קען מען זיין אזוי ווייט פון א רבי'ן"?!

ביי 'אכצן יאר' איז שוין דער רבי געווארן א רבי! ער איז שוין ארויסגעגאנגען צו מעדוועדיווקע ביי אכצן יאר, דעמאלטס האט מען צוגענומען דארטן דעם חדר (מיוחד) - דעם רבי'נס,[1] איז דער רבי ארויסגעגאנגען (מבית חותנו), איז ער שוין געווארן א רבי ביי אכצן יאר.

און דער רבי האט געוואוינט אין מעדוועדיווקע, דארט האבן אנגעהויבן מקורב צו ווערן צום רבי'ן די גרויסע תלמידים, ר' אהרן דער רב (פון ברסלב), מיט ר' יודל, דער טירהאוויצער מגיד, זיי זענען אלע מקורב געווארן צום רבי'ן אין די יאר'ן, וואס ס'האט זיך אנגעהויבן פון נאך צוואנציג יאר, (שנות תק"ן).

דער רבי איז אלט געווען - ווען ער איז געפארן אויף ארץ ישראל - 'זעקס און צוואנציג יאר', און דאס איז נאך געווען אסאך פאר ארץ ישראל, דער רבי איז

---

[1] עי' חיי מוהר"ן אות ק"ח.

דעמאלטס אלט געווען 'צוואנציג יאר' - 'איין און צוואנציג יאר', איז שוין דער רבי דעמאלטס געווען אזוי אז ער האט שוין מקרב געווען אזעלכע גדולים.

איינער איז געווען א תלמיד ביי רבי פנחס קאריצער - "ר' יודל" - ער איז געווען א תלמיד ביי ר' פנחס קאריצער. ר' פנחס קאריצער איז נפטר געווארן תקנ"א, און ביז נ"א איז ער געווען א תלמיד ביי ר' פנחס קאריצער, נאכדעם איז ער געווארן מקורב צום רבי'ן, און ער איז געווען עלטער פונעם רבי'ן מיט 'פופצן יאר' - איז ער געווען עלטער פונעם רבי'ן! ער איז אלט געווען דעמאלטס 'זעקס און דרייסיג' צו 'זיבן און דרייסיג יאר', און דער רבי איז געווען א יונגערמאן פון 'איין און צוואנציג' - 'צוויי און צוואנציג יאר', און ביי די יארן זעהט זיך גוט אן א חילוק פון צוויי און צוואנציג ביז זיבן און דרייסיג - דערקענט מען גוט!

איז דער רבי איז געווען, דער פנים איז געווען - - ער האט זייער אסאך געפאסט, אין איין יאר האט דער רבי געפאסט 'אכצן מאל משבת לשבת' - אין איין יאר![יא] איז ער געווען אויסגעדארט און אויסגעטרוקענט - א יונגערמאן, און ער (ר' יודל) איז געווען א רבי - איז ער געווען - אין דאשיב, ר' יודל - אסאך צו רעדן!

דער עיקר, דער ר' יודל איז מקורב געווארן צום רבי'ן! ווי קען מען פארשטיין?! אז א מענטש וואס איז געווען א תלמיד ביי ר' פנחס קאריצער, וואס ר' פנחס קאריצער איז געווען - דער רבי האט געזאגט אויף איהם; "אז ער איז געווען א שטיק צייט א 'חד בדרא'"![יב]

דער רבי האט געזאגט צו ר' יודל'ען; "וואויל זענען די אויגן וואס האבן געזעהן ר' פנחס'ן"![יג] ר' יודל איז דאך געווען זיינער א תלמיד - "וואויל זענען די אויגן וואס האבן געזעהן ר' פנחס'ן"!

און דער רבי איז דעמאלטס געווען א יונגערמאן פון עטליכע און צוואנציג יאר, א תלמיד פון ר' פנחס קאריצער איז געווארן מקורב צום רבי'ן! קען מען דאך

[יא] עי' שבחי הר"ן אות ט'.

[יב] עי' חיי מוהר"ן אות תקנ"ג.

[יג] שם.

פארשטיין ווי אזוי ער האט דערקענט דעם רבי'ן! ער האט אזוי דערקענט דעם רבי'ן אז - "ווי קען מען זיין פון א רבי'ן אזוי ווייט"?! (רצ"ל כמסופר כאן בהמשך).

ער האט געוואוינט אין דאשיב, דאשיב איז לעבן אומאן, און צו מעדוועדיווקע איז דאס ווייט, (על כאן אמר); "ווי קען מען זיין אזוי ווייט פון א רבי'ן"?! איז ער ארוים קיין מעדוועדיווקע, און ער האט געוואוינט מיט'ן רבי'ן אין איין שטאט, און ער איז אריינגעגאנגען צום רבי'ן אלע טאג![יד]

*

## "זיין מקושר צו מיר ווילאנג דו וועסט לעבן"!

ר' יודל פלעגט אלע יארן פארן קיין אומאן אויף ראש השנה - נאכן רבי'נס הסתלקות, פלעגט ער פריער זיין אין ברסלב, פלעגט ער דערציילן פאר ר' הירש לייב דעם רב,[טו] פלעגט ער איהם דערציילן זיין 'התקרבות'!

האט ער איהם דערציילט ווי אזוי זיין התקרבות זיינע איז געווען,[טז] אז נאך איידער ער איז ארוים קיין מעדוועדיווקע (- וואוינען), איז ער אפגעווען פינעף - זעקס וואכן אין מעדוועדיווקע, דאס הייסט א 'תלמיד' - ער איז געקומען צו פארן צו רבי'ן, נישט אזוי סתם, נאר איז ער אפגעווען אין מעדוועדיווקע פינעף - זעקס וואכן, און אלע טאג אריינגעגאנגען צום רבי'ן, און רעדן מיטן רבי'ן!

האט דער 'בעל דבר' געמאכט אזא מין געשעפט, אזוי ווי איינער - א 'לשון הרע' מיט א 'רכילות' - איז אריינגעקומען איינער צו ר' יודל'ען, און זאגט איהם; וואס גייסטו אלעמאל צום רבי'ן?! דער רבי וויל דיר נישטליידן! אלע טאג גייסטו אריין צום רבי'ן?! דער רבי וויל דיר נישט ליידן!! - ס'איז געווען א שקר.

ער איז געבליבן שטיין, א געוואלד - "איך מייך דאך אמת! איך וויל דאך מקורב ווערן! איך מיין דאך אמת"!!! איז ער דריי טעג נישט אריינגעגאנגען צום רבי'ן! - דורך דער לשון הרע וואס מען האט אנגערעדט.

---

[יד] עי' חיי מוהר"ן אות תרי"א (ואות רצ"א).

[טו] בנו ומ"מ של ר' אהרן הרב ד'ברסלב, תלמיד רביז"ל.

[טז] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות כ"ג.

נאכדעם האט ער זיך מיישב געווען זיך; "וואס זאל איך? - איך וויל דאך פארט אריינגיין צום רבי'ן"! איך ער אריינגעגאנגען צום רבי'ן, ווי ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן, האט דער רבי זיך אנגערופן צו איהם; "אז מען וויל זיך מקרב זיין צום אמת, איז זיך מתגבר דער שקר, אבער אז מ'שטארקט זיך - ווערט נתהפך פון 'שקר' אויף 'קשר'! העסטו שוין זיין צו מיר מקושר ווי לאנג דו וועסט לעבן"!!!

פלעגט ר' יודל אלע יארן דערציילן ר' הירש לייב'ן זיין התקרבות, פלעגט ער איהם אויסלאזן; איך האב דאך דיר פאר א יארן אויך דערציילט! און ביי מיר איז אבער זייער חביב וואס דער רבי האט מיר אויסגעלאזט 'דו וועסט שוין זיין צו מיר מקושר ווי לאנג דו וועסט לעבן'!! צוליב דעם האט ער דערציילט נאכאמאל - אלע יארן דערציילט זיין התקרבות!

וואס רעדן מיר דא?! אז דער רבי - ביי 'עטליכע און צוואנציג יאר' איז געווארן צו איהם מקורב א תלמיד פון ר' פנחס'ן!

*

## נאר איך בין 'קלוגער' ווי דיר!...

דער שווער פון דעם ר' יודל'ן האט געהייסן "רבי לייב טראסטינעצ'ער", איז דא א מכתב איז דא, וואס דער בעל שם הקדוש האט געוואלט אדורכפירן א זאך, האט ער געמוזט אנקומען צו ר' לייב'ן - אז ער זאל זיך משתתף זיין מיט ר' לייב'ן, אז נישט האט ער נישט געקענט אדורכפירן די זאך! אזוי גרויס איז געווען ר' לייב.[יז]

ר' לייב איז נפטר געווארן - ער איז געפארן אויף ארץ ישראל - איז ער נפטר געווארן אויף די שיף! האט ער געזאגט; "ווען מיין איידעם זאל דא זיין, וואלט ער מיך נישט געלאזט נסתלק ווערן"! ער האט געמיינט ר' יודל'ן![יח]

און ער איז נפטר געווארן אויף דער שיף, דארטן טאר מען דאך נישט האלטן קיין נפטר, האט מען איהם צוגעבונדן צו א ברעט, מען האט איהם אראפגעלאזט, איז ער צוגעשווימען צו א שטאט, און אין דער שטאט האט זיך באוויזן א 'עמודא

---

[יז] עי' שיש"ק ג' אות תרי"ט.

[יח] עי' חיי מוהר"ן אות תרי"א.

דנורא', האט זיך באוויזן קעגן דער מטה זיינע - א 'עמודא דנורא'! אין שטאט האבן זיי געזעהן א 'עמודא דנורא', האבן זיי געזעהן (אז ער איז) א גרויסע צדיק, (איז) וואו זאל מען איהם לייגן?!

האבן זיי געהאט דארטן בקבלה פון א פנקס, אז איינער איז נפטר געווארן ביי הונדערטער יארן (צוריק?) און ער האט געלאזט צוואה, אז מען זאל נישט לייגן לעבן איהם - נאר דער וואס עס וועט זיך באווייזן ביי זיין מטה א 'עמודא דנורא'! ליגט ער דארטן אין דער שטאט לעבן (יענעם צדיק)!

*

דאס איז אלץ ראיות ווי אזוי ר' יודל איז געווען גרויס, אז דער שווער האט געזאגט "ווען מיין איידעם זאל דא זיין - וואלט ער מיך נישט געלאזט נסתלק ווערן"! און ער איז געווען א תלמיד ביי ר' פנחס קאריצער אזויפיל יארן, און ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן ווען דער רבי איז געווען א יונגערמאן!

בשעת ער איז געקומען דאס ערשטע מאל צום רבי'ן, האט דער רבי אויף איהם א קוק געטוהן, האט ער זיך זייער דערשראקן און ער האט זיך אפגערוקט, האט דער רבי געזאגט; "וואס האסטו זיך אזוי דערשראקן? איך בין דאך א מענטש גלייך מיט דיר?! נאר איך בין נאר קלוגער פון דיר"!

דער רבי האט איהם צוריק צוגעצויגן צו זיך מיט רייד, איז ער געקומען צוריק צום רבי'ן, האט ער ווייטער געגעבן אויף איהם א קוק, האט ער ווייטער דערשראקן זיך, האט ער ווייטער אפגעשפרונגען, האט ער איהם ווייטער צוגעצויגן מיט רייד; "וואס האסטו זיך אזוי דערשראקן? איך בין דאך א מענטש גלייך מיט דיר?! נאר איך בין א חכם יותר ממך! - איך בין מער קלוגער פון דיר"! ביז דער רבי האט איהם געהייסן האבן דארטן וידוי דברים.[יט]

*

דאס איז אלץ ראיות - ברוך השם מיר דארפן נישט האבן די אלע ראיות צו דעם רבי'נס גרויסקייט, אבער פונדעסוועגן - אז מען הייבט אן צו דערציילן, ווען מיר אביסעלע מסביר זיין דעם ערך דערפון - פארשטיין די זאך - א יונגערמאן פון

[יט] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות כ"ג.

עטליכע און צוואנציג יאר, ווערט צו איהם מקורב א 'צדיק' - וואס איז געווען ביי ר' פנחס'ן אלע יארן א תלמיד, אזוי גרוים איז ער געווען - אז זיין שווער וואס האט געהייסן א 'חבר' מיט'ן בעל שם הקדוש - האט ער אויף איהם געזאגט "אז ווען ער זאל ווען דא זיין וואלט ער נישט געלאזט אז איך זאל נסתלק ווערן", איז ער מקורב געווארן צום רבי'ן מיט אזא מין ביטול!!! קען מען פארשטיין אביסעלע דעם רבינס גרויסקייט - נאך פאר ארץ ישראל! ביי 'איין און צוואנציג יאר' ביי 'צוויי און צוואנציג יאר'!

* * *

# 'כי מרחמם ינהגם'!

דער רבי ברענגט אין ספר המידות,[כ] אז דער וואס ס'איז מקורב צו א צדיק - א זקן, און ער איז סובל, ערליידט דער כעס זיינע, איז עם מסוגל צו יראה - א סגולה צו יראת שמים!

פונדעסוועגן - זאגט דער רבי אויף נאך א ארט - אז בעסער איז מען זאל זיך מקרב זיין צו א צדיק וואס ער איז א רחמן! אז מען איז מקורב צו א צדיק און מ'איז סובל כעסו איז דאס מסוגל צו יראה, אבער בעסער איז מ'זאל זיך מקרב זיין צו א צדיק וואס ער איז א רחמן, ווייל נישט יעדער איינער קען דאך זיין א סובל כעסו!

*

מיר וועלן אביסעלע לערנען די תורה[כא] (של מעלת הצדיק הרחמן), [נאכדעם וועלן מיר ענדיגן מיט'ן הסתלקות פונעם רבי'ן]:

דער פסוק זאגט;[כב] 'כי מרחמם ינהגם'! ס'איז א פסוק אין ישעיה, דער פסוק שטייט דארטן אויף משיח'ן, אז משיח וועט פירן מיט רחמנות! זאגט דער רבי אזוי; "דער וואס איז א רחמן - דער קען זיין א מנהיג"!

---

[כ] ערך יראה אות ב'; מי שמקורב אל הזקן וסובל כעסו, על ידי זה זוכה ליראה.

[כא] ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ז'.

[כב] ז"ל שם; כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם (יְשַׁעְיָה מ"ט), הַיְנוּ מִי שֶׁהוּא רַחֲמָן, הוּא יָכוֹל לִהְיוֹת מַנְהִיג ...

זעהען מיר ארוים די 'רחמנות' וואס דער רבי האט געהאט אויף כלל ישראל - נישט נאר בדורו - נאר אויף דורי דורות!

דאס וואס דער רבי האט ארויסגעגעבן דעם תיקון פון די צעהן קאפיטלעך תהלים, דאס האט דער רבי גערעטעוועט דורי דורות! און ער האט גענומען אויף דעם 'צוויי עדות'; רבי נפתלי - מיט רבי אהרן דער רב (פון ברסלב), 'עדות' גענומען - צוויי עדות, עדים נאמנים, אויף דעם תיקון פון דעם צעהן קאפיטלעך תהילים![כג]

דאס איז א געוואלדיגע זכות פאר אלע אידן, דאס איז 'בלתי ספק' אז דאס איז דער תיקון אויף דעם פגם! דער בעל דבר האט זיך טאקע פארלייגט אויפ'ן רבי'ן, אז דער רבי האט ארויסגעגעבן דעם תיקון - האט דער רבי מפקיר געווען 'זיך', ער האט מפקיר געווען 'זיינע קינדער', האט מפקיר געווען די 'אשת נעורים', אלעס כדי ער זאל רחמנות האבן אויף דער וועלט!

און דער עיקר רחמנות האט זיך אנגעהויבן אז ער האט ארויסגעגעבן דעם 'תיקון הכללי', און דער רבי האט ארויסגעגעבן אזעלכע 'מעשיות', ער האט ארויסגעגעבן אזא 'לקוטי מוהר"ן'!

*

## "עס זאל זיך קיינמאל נישט אויפהערן"!

און ברוך השם, מען זעהט עס ארוים, אז דאס הסתלקות פונעם רבי'ן איז דאך שוין 'הונדערט מיט אכט און פופציג יאר', ברוך השם - ס'איז נאך איצטער דא אידן וואס זענען יראים ושלמים, און גייען נאך מיט די עצות פונעם רבי'ן, און זענען נאך מקיים 'הניעור בלילה', און גייען נאך מיט'ן רבי'ן עצות, ליגן אינעם רבי'נס ספרים, אשרי להם אשרי חלקם!

זעהען מיר ארוים - דער רבי האט אזוי געזאגט;[כד] "מ'דארף טוהן אזא מין זאך ס'זאל קיינמאל זיך נישט אויפהערן"! דער רבי האט אויסגערעכנט דארטן גדולי גדולים וואס האבן געמאכט א תיקון, נאר ס'האט אויפגעהערט, "דארף מען טוהן

[כג] עי' שיחות הר"ן אות קמ"א.

[כד] עי' חיי אות מ"ו ואות שע"ג.

אזא מין זאך ס'זאל קיינמאל זיך נישט אויפהערן, ס'זאל זיין, ס'זאל גיין מדור לדור! מדור לדור"!

וואס דער עיקר רחמנות איז - דער רבי וועט זאגן ווייטער אינעם אנדערן סעיף:[כה] "דער עיקר רחמנות איז - אז איינער רעדט מיט'ן צווייטן, איז דער עיקר רחמנות מען זאל רעדן פונעם תכלית - קיין גרעסערע רחמנות איז נישט דא אין דער וועלט!

*

# "דא איז גוט צו ליגן"!

דאס האט מען געזעהן ביי דעם רבי'ן, אז דער רבי איז אריין קיין ברסלב [-אביסל האב איך געמאכט דא א קיצור] - - אין יאר תקנ"ח איז דער רבי געווען אין ארץ ישראל, נאך ארץ ישראל - תק"ס - איז דער רבי געווען אין חמעלניק, און דארטן חתונה געמאכט די טאכטער אדל'ע, די עלטערע טאכטער.

דאס איז געווען אלול תק"ס, און פון חמעלניק איז דער רבי נישט געפארן צוריק קיין מעדוועדיווקע, נאר גלייך אריין אין זלאטיפאליע, און ער איז דארטן געווען צוויי יאר אין זלאטיפאליע, און דער רבי האט געהאט דארטן זייער אסאך עגמת נפש - האט ער געהאט דארטן, און ס'האט זיך געענדיגט די צוויי יאר, איז דער רבי אויפגעזעצן אויף די פיס, האט ער געזאגט: "כאן סבלתי תרתי גיהנם"! - דא האב איך געליטן צוויי מאל גיהנם, "משפט רשעים בגיהנם איז י"ב חודש", און איך בין דא געווען צוויי יאר - האב איך געליטן "תרתי גיהנם"![כו]

*

---

[כה] עי' שם אות ג'; ... וְזֶהוּ עִקַּר הָרַחֲמָנוּת, לְרַחֵם עַל יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ, לְהוֹצִיאָם מֵהַמַּשּׂאוֹי הַכָּבֵד שֶׁל עֲווֹנוֹת ... וְזֶהוּ הָרַחֲמָנוּת הַגָּדוֹל מִן הַכֹּל, שֶׁצְּרִיכִין לְרַחֵם עָלָיו לְהַכְנִיס בּוֹ דַּעַת, בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים מ"א): "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל", כִּי 'אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת' (נְדָרִים מ"א), וּצְרִיכִין לְרַחֵם עָלָיו, לְהַכְנִיס בּוֹ דַּעַת ...

ושם אות ד'; ... עַל־כֵּן צָרִיךְ כָּל אֶחָד לַעֲסֹק בָּזֶה, לְהַכְנִיס דַּעַת וְיִרְאַת שָׁמַיִם בַּחֲבֵרוֹ ...

[כו] חיי מוהר"ן אות קט"ו.

(דערנאך האט דער רבי זיך) אויפגעזעצן, און אוועקגעפארן קיין ברסלב, און אז מען פארט פון זלאטיפאליע קיין ברסלב מוז מען אדורכפארן 'אומאן', אינמיטן וועג, [איך בין געווען דארט] - מוז מען אדורכפארן אומאן!

אז דער רבי איז דורכגעפארן - אין יאר תקס"ב, דערנאך איז נאך דער רבי געזעצן אין ברסלב אכט יאר (לפני שבא להשתקע שם באומאן), איז דארטן דא אין אומאן, אז מ'פארט אדורך, הייסט דאס - היינט רופט מען דאס די 'טויטע בריקע' - האט מען דאס גערופן אמאל! די 'טויטע בריקע' - דארטן פלעגט מען אדורכפירן א נפטר - פלעגט מען דורכפירן (בדרך לבית העלמין).

האט דער רבי זיך דארטן אפגעשטעלט, איז דא צוויי גירסאות איז דא; איין גירסא איז דא - אז דער רבי איז אראפגעגאנגען, און איז צוגעגאנגען צו דעם ארט וואס דארטן איז (געווען שפעטער) 'מקום גניזתו', און א טייל זאגן - אז דער רבי איז נאר געשטאנען דארטן (אויף די טויטע בריק), און האט אנגעוויזן מיט'ן האנט אויף דעם ארט (על מקום גניזתו); "אדא איז זייער גוט צו ליגן! ווייל דא ליגן אסאך (-קדושים)"![כז]

אין אומאן איז געווען אין תקכ"ו - זעקס יאר פאר דעם רבי'נס לידה - איז אין אומאן געווען א גזירה פון 'גאנטע' - א רוצח, ער האט אויסגעה'רג'עט דארטן 'עטליכע און דרייסיג טויזענט אידן', און זיי ליגן דארטן אויף דעם בארג, און דארט איז דעם רבי'נס ציון, דארטן ליגן זיי - די קדושים! דארט איז געווען גדולים, צדיקים, געוואלדיגע מענטשן - איז דארט געווען צווישן די מענטשן!

דער בעל שם הקדוש איז געווען נאך - איז געווען אמאל אין אומאן, האט ער געזעהן איינעם א באהאלטענעם צדיק "ר' דוד", מען האט איהם גערופן "ר' דוד חזן", - - אין אומאן פלעגט מען ו' תמוז (- יום היארצייט של קדושי אומאן) - פלעגט מען ליינען די 'מגילה' - עס האט זיך אנגעהויבן די מגילה "ויקונן דוד" - די מגילה האט געמאכט דער ר' דוד חזן!

דער בעל שם האט איהם גלייך דערקענט - ווער ער איז (איש צדיק)! האט ער איהם א זאג געגעבן; "אין דיין גארטל וועלן זיך אָנהאַלטן אסאך מענטשן"! - דאס האט ער געזאגט צו דעם ר' דוד.

---

[כז] עי' חיי מוהר"ן אות קצ"א ואות רי"ז, ועי' כוכבי אור - סיפורים נפלאים מרביז"ל.

בשעת ער איז אריין - דער רוצח דער 'גאנטע' - איז אריין אין אומאן, און ער האט געהאט א גרויסע 'מערה' - האט ער געהאט דער ר' דוד, די מערה האט זיך געצויגן פון דער 'טויטן בריקל' ביז דער "גרעקוב'ער וועלדל" - - דארט האט זיך דער רבי מתבודד געווען ווען דער רבי איז געווען אין אומאן - - א מערה פון עטליכע קילאמעטער אונטער דער ערד, דארט פלעגט זיך דער ר' דוד מתבודד זיין.

אז דער רוצח איז אריין אין אומאן, איז ר' דוד אריין אין דער מערה, און ס'האבן זיך אנגעהאלטן עפעס - דאכט זיך 'זעכצן אידן' - 'צוואנציג אידן', האבן זיך אנגעהאלטן אין גארטל! און זענען אריין מיט איהם אין דער מערה, אין דער הייל - זיי זענען דארטן געווען דריי טעג.

דער רוצח האט אנגעהויבן הרג'ענען אידן, ער האט אוועקגעשטעלט א חופה ביי דער גרויסער שול, און דארטן האט ער אונטערגעשטעלט א צלם אונטער די חופה, און געזאגט "ווער ס'וועט ארונטערגיין אונטער דער חופה - וועט ער בלייבן לעבן"!

האבן אלע דרייסיג טויזענט אידן מקדש השם געווען, און קיינער האט נישט געוואלט גיין אונטער דער חופה! מען האט זיי געגעבן א בחירה אויף צו בלייבן לעבן - און קיינער האט נישט געוואלט גיין אונטער די חופה! און אלע האט מען אויסגע'הרג'עט, אזא מין קידוש השם!!!

און די אלע ליגן אויף די בארג דארטן - וואו דער רבי ליגט דארט - איז א גרויסע בארג, דארט ליגן די אלע קדושים!

דאס איז געווען דריי טעג - ו' תמוז און ז' תמוז און ח' תמוז - די קולות האבן זיי געהערט דארטן - אין די מערה האבן זיי געהערט די קולות און געשרייען! ווען ס'איז געווארן שטיל, זענען זיי ארויס (פון די מערה) - דער ר' דוד מיט די מענטשן, ס'איז געווען א טייך מיט בלוט - איז געווען אין שטאט! און זיי - דער ר' דוד מיט די אלע מענטשן - האבן געברענגט לקבורה די אלע קדושים! מען האט נישט געקענט מאכן קיין קברים, מען האט דאך נישט דערקענט קיין גאנצע גוף, האבן זיי געמאכט אזעלכע צוויי גרויסע בערג, אינדערמיט איז געווען א טאל, און דארט ליגן די אלע קדושים!

האט דער רבי געזאגט "אדא איז גוט צו ליגן! ווייל דא ליגן אזויפיל קדושים, זיי האבן אזוי פיל מקדש השם געווען"!

*

# "ס'איז דא מיט וועמען צו רעדן"!...

און דער רבי האט דעם שבת - האט דער רבי געהאלטן א שבת אין אומאן - איידער ער איז אוועקגעפארן קיין ברסלב. [דאס אלץ דערציילט מען סיפורים פונעם רבי'ן נאכדעם וועט מען צוקומען צום הסתלקות].

אין אומאן איז געווען א שווער מיט צוויי איידים'ס, זיי זענען געווען גרויסע משכילים - גרויסע מחקרים, געליגן אין א דיעה פון אפיקורסות רח"ל, האט זיך אנגערופן דער שווער - האט זיך אנגערופן צו די צוויי איידים'ס; "איך וועל צוגיין צו איהם און זעהן ווער ער איז, און איך וועל אייך זאגן א ענטפער, צו ס'איז דא מיט וועמען צו רעדן צו נישט"! [כח]

איז ער אוועקגעגאנגען צום רבי'ן - דער שווער, דער שווער האט געהייסן 'חייקל', ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן, דער רבי איז געזעצן - גערעדט דארטן מיט מענטשן - שבת, פרעגט איהם דער רבי; "וואס וויל א איד? וועגן וואס איז ער געקומען"?

זאגט ער צום רבי'ן; "איך האב געהערט אז ס'איז דא א גרויסע מאן אין שטאט, בין איך זיך געקומען מיט איהם זעהן"!

זאגט איהם דער רבי; "אנטקעגן (מול אכסנייתו של רביז"ל) איז דאך אויך דא א גרויסע מאן" - דער רבי האט געמיינט אויפ'ן גענעראל - "פארוואס גייסטו זיך נישט מיט איהם זעהן"?! האט ער געשוויגן.

ער איז אוועקגעגאנגען צו די צוויי איידים'ס, און ער האט אזוי געזאגט; "איך האב גערעדט מיט איהם אווארט, כאטש ער האט מיר אביסל געענטפערט" - דאס הייסט 'אביסל נישט אזוי בכבוד' - "אבער איך זעה אז ס'איז דא מיט וועמען צו רעדן"!

---

[כח] עי' כוכבי אור - סיפורים נפלאים מרביז"ל.

זענען די צוויי אײדים'ס אוועקגעגאנגען צום רבי'ן - - ס'איז אסאך צו רעדן, בקיצור - זיי זענען געווארן אזויפיל צוגעצויגן צום רבי'ן די צוויי משכילים - די צוויי מחקרים, זיי האבן שוין געבעטן דעם רבי'ן אז דער רבי זאל בלייבן אין אומאן! דער רבי זאל בלייבן אין אומאן, האט דער רבי געזאגט; אז איצטער נישט!

און דער רבי איז אוועק קיין ברסלב, דער רבי איז דארטן אפגעווען אכט יאר צייט אין ברסלב. [ס'איז נאך אסאך דא, אבער מען מוז דאך מקצר זיין].

און דער רבי איז ארויס קיין אומאן - נאך אכט יאר, נאך פסח. און דער רבי איז סך הכל געווען אין אומאן א ערך פון 'פינעף חדשים צייט' (עד הסתלקותו בח"י תשרי תקע"א).

*

דאס איז אויך געווען מחמת גודל רחמנות - וואס דער רבי האט רחמנות געהאט אויף דער וועלט! - ווארן די מחקרים, די צוויי אײדים'ס מיט דעם שווער, איז געווען אזא מין 'מצח הנחש'[כט] ביי זיי, און 'אפיקורסות', אז מען וואלט גארנישט געקענט אויסהאלטן דאס אפיקורסות וואס זיי וואלטן ארויסגעגעבן! זיי האבן געהאט א קשר מיט דעם דאזיגן - דער בערלינ'ער דעם דעסוי'ער דארטן - ימח שמו, זיי האבן געהאט מיט איהם א קשר, און ס'איז געווען געוואלדיג (זייער אפיקורסות).

און דערמיט וואס דער רבי איז געווען אין אומאן די עטליכע חדשים, האט דער רבי זיי משפיל געווען, ער האט אריינגעבראכט אביסעלע אמונה - אריינגעבראכט אין זיי, אזוי ווייט אז ראש השנה האבן זיי שוין געדאווענט מיט דעם רבי'נס מנין! און אז דער דינסט איז געקומען צו גיין פאר תקיעת שופר אז ער זאל טרינקען טיי, האט ער געענטפערט; פאר די תקיעות וועט ער נישט טרינקען קיין טיי!

האט דער רבי שוין אריינגעבראכט אין זיי אמונה! דאס איז געווען 'מחמת גודל רחמנותו' וואס ער האט רחמנות געהאט אויף דער וועלט! ווען נישט וואלט מען גארנישט געקענט אויסהאלטן דאס אפיקורסות וואס זיי וואלטן ארויסגעבראכט!

* * *

[כט] עפ"י ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ד' אות ז'.

# 'ביקור חולים'

וועט מען אביסעלע לערנען דא (המשך ליקוטי מוהר"ן תו' ז' תניינא); "ווער ס'איז א רחמן דער קען זיין א מנהיג"!

- נאך א זאך דער רבי האט אמאל א זאג געגעבן צו רבי נתן'ען;[ל] "האט איר געהערט אמאל פון מיר זאגן מוסר"?! דער רבי האט קיינמאל נישט געזאגט קיין מוסר!

דאס 'רחמנות' וואס דער רבי געבט ארויס - דאס 'התחזקות'! דער רבי וועט רעדן ווייטער,[לא] אז ווער ס'איז דער גרעסטער חוטא פושע - דער אויבערשטער קוקט ארויס צו איהם! דער אויבערשטער וויל איהם!

ס'איז אן הלכה דא אין 'ביקור חולים',[לב] אמאל אז א איינער - א מיניסטער אז ער דארף גיין צום קיסר, מוז ער זיך מסדר זיין וואספארא כבוד ער דארף אפגעבן דעם קיסר, אז נישט הייסט ער א 'מורד במלכות', מיט די 'מלבושים' - ער מוז זיך אנטוהן אנדערע מלבושים, און דער 'דיבור' דארף זיין זייער פארזיכטיג! אבער טאמער ער איז דעמאלטס נישט געזונט, טאר ער נישט גיין צום קיסר, ער קען נישט אזוי אפהיטן דעם כבוד!

אבער אז דער מיניסטער ליגט 'שלאַף' (חולה מאוד), און דער קיסר גייט צו איהם - דער קיסר קומט אריין מבקר חולה זיין צו איהם, דעמאלטס דארף ער נישט אפגעבן די אלע כבוד'ן דעם קיסר! ער ליגט דאך דעמאלטס שלאַף! פארקערט, אז וויל זיך אויפהייבן, זאגט איהם דער קיסר; "ליג, ליג, הייב זיך נישט אויף"! דעמאלטס דארף ער נאר וויסן איין זאך - אז דער קיסר איז דא ביי מיר אין שטוב - דאס דארף ער וויסן דעמאלטס!

---

[ל] עי' שיחות הר"ן אות קכ"ד, עיי"ש היטב.

[לא] עי' שם אות ז', וז"ל; ... כִּי יֵשׁ שׁוֹכְנֵי עָפָר, שֶׁהֵם בְּנֵי־אָדָם הַמּוּנָחִים בַּמַּדְרֵגָה הַתַּחְתּוֹנָה, וְנִדְמֶה לָהֶם שֶׁהֵם רְחוֹקִים מְאֹד מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ, וְצָרִיךְ הַצַּדִּיק לְעוֹרְרָם וְלַהֲקִיצָם, בִּבְחִינַת (שָׁם כ"ו): "הָקִיצוּ וְרַנְּנוּ שֹׁכְנֵי עָפָר", וּלְגַלּוֹת לָהֶם שֶׁה' עִמָּם, וְהֵם סְמוּכִים־אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי 'מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', וּלְחַזְּקָם וּלְעוֹרְרָם, שֶׁלֹּא יִהְיוּ מְיָאֲשִׁין עַצְמָן ח"ו, כִּי עֲדַיִן הֵם אֵצֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּקְרוֹבִים־אֵלָיו, כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ ...

[לב] עי' ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ד' אות י"ד.

ער ליגט שלאַף - ער קען נישט מקיים זיין די אלע מצוות התורה! דאס הייסט - (דארף ער נאר וויסן;) "אז דער אמונה זאל זיין גאנץ ביי איהם"! דער קיסר איז דא ביי מיר אין שטוב!!! - דאס הייסט "שלימות אמונה", דער קיסר איז דא ביי מיר אין שטוב!

און דער רבי זאגט דאס דאזיגע ווייטער (בתו' ז' הנ"ל), אז דער מענטש איז אזוי - - "גא-ט איז מיט דיר, ביי דיר, און לעבן דיר"![לג]

דאס הייסט - דווקא דער 'רחוק' וואס ער איז אזוי ווייט - איז דער אויבערשטער מקיים 'ביקור חולים', און דער אויבערשטער גייט צו איהם אין שטוב אריין, כאטש זיין שטוב איז ממש פול מיט - מען קען זאגן 'חטאים ופשעים'!

- אזוי ווי דארט אין דער מעשה פון "בערגיר ועני", דער בערגיר איז געגאנגען צום 'יעדניראל' דארט אין זיין שטוב אריין - ס'איז מרמז אויפ'ן 'מקור הטומאה' - איז דארט איז געגאנגען דער בערגיר - דער אמת'ער צדיק איז געגאנגען דארטן, ארויסנעמען פון דארטן א נשמה, ארויסנעמען פון דארטן דעם - -

*

זעהען מיר דאך ארויס דאס רחמנות פון דעם מנהיג, זיין זאך איז נאר 'מקרב זיין'! אזוי ווי דער משנה[לד] פירט אוים דארטן - נאר לקרב ולא לרחק! די זאך פון אליהו הנביא וועט זיין נאר 'לקרב ולא לרחק'!

"ווער ס'איז א רחמן דער קען זיין א מנהיג"! דער רבי האט נישט נאר רחמנות געהאט אויף זיין דור, דער רבי האט רחמנות געהאט אויף אלע, אויף אונז אויך,

[לג] בלקוטי מוהר"ן תניינא ז' שם, וז"ל; יֵשׁ בְּנֵי־אָדָם שֶׁמּוּנָחִים בַּמַּדְרֵגָה הַתַּחְתּוֹנָה מְאֹד, עַד שֶׁהָיוּ מְיָאֲשִׁין אֶת עַצְמָן לְגַמְרֵי ח"ו, כִּי נִדְמֶה לָהֶם שֶׁהֵם רְחוֹקִים מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וּכְבָר אָבַד נִצְחָם וְתוֹחַלְתָּם מֵה', צָרִיךְ הַצַּדִּיק שֶׁיִּהְיֶה לוֹ כֹּחַ לְעוֹרְרָם וְלַהֲקִיצָם, שֶׁלֹּא יִהְיוּ מְיָאֲשִׁין עַצְמָן בְּשׁוּם אֹפֶן בָּעוֹלָם, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, וּלְהַרְאוֹת לָהֶם וּלְהָאִיר בָּהֶם, כִּי עֲדַיִן ה' עִמָּם וְאֶצְלָם וְקָרוֹב לָהֶם, וַאֲפִלּוּ בְּתוֹךְ הָאָרֶץ מַמָּשׁ, אֲפִלּוּ אִם נָפַל לִשְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת ח"ו, אַף־עַל־פִּי־כֵן שָׁם דַּיְקָא נִמְצָא כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ ...

ולשון רביז"ל בעצמו המובא כאן בפנים, עי' בעלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת, מכתב ש"י, ועוד.

[לד] סוף מסכת עדיות, פ"ח משנה ז'.

"את אשר ישנו פה ואת אשר איננו פה",[לה] דער רבי האט אלדינגס געזעהן, יעדער איינער וואס ער רירט זיך צו צום רבי'ן - אדער ער וועט זיך צורירן נאר![לו]

*

## "אמת'ע רחמנות"!

נאך איז דא א דיבור פונעם רבי'ן, וואס דער רבי האט געזאגט;[לז] "אז וואו ס'איז ערגעץ דא א הרהור תשובה, נעמט עס זיך פון מיר"! אז א איד ווערט נתעורר צו תשובה - נעמט עס זיך פונעם רבי'ן!

דער רבי האט אזויפיל גוט געמאכט בחייו הקדושים, ער האט אזויפיל איבערגעלאזט, אז וואו איינער האט עפעס א הרהור תשובה, נעמט עס זיך פונעם רבי'ן!

אזא מין אמת'ער רחמן איז געווען דער רבי, ער האט אזוי א טובה געטוהן בדורו - און אויף אלע דורות, אז ווער ס'וויל זיין - ער וויל זיך עפעס נעמען - עפעס א וועג פון תשובה, ער וויל זיך עפעס נעמען - עפעס ארומריינינגן זיך, איז - דא האט ער צוגעשטעלט אזעלכע הייליגע עצות! אזעלכע הייליגע ספרים!

דאס איז א געוואלדיגע רחמן, דאס איז א געוואלדיגע מנהיג, אט דאס איז דער מנהיג וואס ער קען זיין א מנהיג ישראל!

*

זאגט דער רבי; "ווער ס'איז א רחמן - דער קען זיין א מנהיג"! דער רבי זאגט צוויי זאכן דא;[לח] ער דארף וויסן "ווי אזוי צו פירן זיך מיט רחמנות", און - אויף "רשעים אדער רודפים טאר מען נישט רחמנות האבן"!

---

[לה] עי' שיחות הר"ן אות ר"ט.

[לו] עי' חיי מוהר"ן אות שכ"ב.

[לז] עי' שיש"ק ב' אות מ"ט.

[לח] בתו' ז' תניינא, אות א'; כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם (יְשַׁעְיָה מ"ט), הַיְנוּ מִי שֶׁהוּא רַחֲמָן הוּא יָכוֹל לִהְיוֹת מַנְהִיג. וְצָרִיךְ לֵידַע אֵיךְ לְהִתְנַהֵג עִם הָרַחֲמָנוּת, כִּי עַל רְשָׁעִים אוֹ עַל רוֹצְחִים וְגַזְלָנִים אָסוּר לְרַחֵם. וְכֵן מִי שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ אֵיךְ לְהִתְנַהֵג עִם הָרַחֲמָנוּת, אֲזַי יוּכַל לְרַחֵם עַל תִּינוֹק שֶׁל אַרְבָּעָה יָמִים, לִתֵּן לוֹ מַאֲכָל הַצָּרִיךְ לְגָדוֹל וְלֹא לְקָטָן כָּזֶה, כִּי קָטָן כָּזֶה צְרִיכִין לְזוּנוֹ רַק עַל יְדֵי חָלָב דַּוְקָא. עַל־כֵּן צָרִיךְ לֵידַע אֵיךְ לְהִתְנַהֵג עִם

אונזערע לייט פלעגן זאגן פשט דא, ווייטער זאגט דאך דער רבי אז אפילו אויפ'ן "גרעסטען חוטא ופושע"? (- האט דאך דער צדיק רחמנות אפילו אויף רשעים?!) (דער תירוץ איז); מיינט מען אלץ אז יענער ווייזט עפעס א שטיקעלע התקרבות, עפעס, יענער איז עפעס מרמז אז ער וויל עפעס (דעמאלטס איז שייך רחמנות אויף איהם), אבער אז יענער וויל גארנישט - אוודאי קען מען אויף איהם נישט רחמנות האבן![לט]

*

נאכדעם זאגט דער רבי אזוי;[מ] "דער וואס ער ווייסט נישט ווי אזוי צו פירן זיך מיט רחמנות, קען ער רחמנות האבן אויף א קינד פון פיר טאג - ער זאל איהם גיבן א מאכל הצריך לגדול"! מיר וויסן דאך אלע, אז מ'וועט נעמען א קינד פון פיר טאג און גיבן צו עסן א שטיק פלייש, העט ער גיין פון דער וועלט, א 'קטן כזה' קען מען נישט געבן אזא מין מאכל - "ווייל א 'קטן כזה' דארף מען איהם שפייזן נאר דורך חָלָב דווקא, על כן דארף מען וויסן ווי אזוי מען זאל זיך פירן מיט רחמנות"! אז א קטן כזה דארף מען רחמנות האבן - נאר איהם געבן חלב דווקא, און א גדול - דארף מען גיבן א מאכל הצריך לו, "על כן על כל אחד ואחד דארף מען רחמנות האבן במה שצריך לו"!

ווייטער טייטש עס אוים דער רבי אין סעיף ז'[מא] - - וואס מיינט מען א 'קטן' וואס מיינט מען א 'גדול' - דער רבי רעדט דא, אז א קליין קינד גיבט מען מילך, און א גרויסן מענטש גיבט מען פלייש, א 'קטן' מיינט מען - דער וואס איז ווייט פונעם אויבערשטן - -

דאס קען זיין ביי יעדעם איינעם - אין איין טאג! אדער איז ער א 'קטן' אדער איז ער א 'גדול'!

אט ליגט ער אין א 'ירידה' - אט ליגט ער אין א 'פארגראבטקייט', ער קען נישט דאווענען, ער קען נישט לערנען, ער איז אזוי מבולבל - אזוי מבוהל, דעמאלטס

---

הָרַחֲמָנוּת, שֶׁלְּקָטָן כָּזֶה צְרִיכִין לְרַחֵם לִתֵּן לוֹ חָלָב דַּיְקָא, וּלְגָדוֹל מַאֲכָל הַצָּרִיךְ לוֹ, וְכֵן עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד צְרִיכִין לְרַחֵם בַּמֶּה שֶׁצָּרִיךְ לוֹ:

[לט] עי' ליקוטי הלכות הל' אבידה ומציאה ג' אות ט"ו בענין עזוב תעזוב 'עמו'.

[מ] שם אות א', עי' העתק הלשון לעיל.

[מא] עי' העתק הלשון לעיל.

דארף ער זוכן די התחזקות פונעם צדיק! דעמאלטס דארף ער נאר זיך קוויקן זיך - אז דער אויבערשטער איז מיט א 'חולה' - בשעת ער ליגט (אין א ירידה) דעמאלטס איז ער דאך א 'חולה', אויב איז ער א חולה - גייט שוין דער אויבערשטער צו איהם, און איז איהם שוין מבקר חולה - דערקוויקט איהם שוין, און שטארקט איהם שוין, דעמאלטס דארף ער זיך קוויקן - דעמאלטס דארף ער א 'מאכל הצריך לקטן'!

(דערנאך -) אז דער אויבערשטער העלפט איהם, אז ער ווערט שוין אביסל נתעורר, ער קען שוין נעמען 'מערער' (- התעוררות ומוסר בבחינת 'מאכל הצריך לגדול'), דארף ער שוין נעמען מערער! - איז דאס שייך צו זאגן ביי יעדן איינעם.

*

## "לדעת בארץ דרכך"?!

און דער אמת'ער צדיק - זאגט דער רבי ווייטער[מב] - ער מוז האבן אין זיך דער בחינה, דאס הייסט; "כי כל בשמים ובארץ" - "דאחיד בשמיא וארעא"!

רבי נתן האט געזאגט - ברענגט ר' אברהם אין כוכבי אור אין אנשי מוהר"ן[מג] - "מען זאל נישט געווען קריגן אויפ'ן רבי'ן, וואלט דער רבי מקרב געווען דער גאנצער וועלט צום אויבערשטן"! וואס הייסט דער 'גאנצער וועלט'? ווער איז דער 'גאנצער וועלט'? דער גרעסטער און דער קלענסטער! די גרויסע און די קליינע - דאס איז דער גאנצער וועלט!

אויף די 'גרויסע' האט דער רבי א לימוד, וואס ער ווייזט זיי אז זיי האבן נאך גארנישט אנגעהויבן - - אז דער רבי האט מקרב געווען "ר' יודל'ן", האט ער איהם געוויזן - ער האט איהם געזאגט; "לדעת בארץ דרכך"?!

---

[מב] שם תו' ז' תניינא אות ז', והוא גם בתו' ס"ח שם, וז"ל; ... וְזֶהוּ שְׁלֵמוּת הַצַּדִּיק, בִּבְחִינוֹת (דִּבְרֵי־הַיָּמִים־א כ"ט): "כִּי כֹל בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ", שֶׁהוּא בְּחִינַת הַצַּדִּיק כַּיָּדוּעַ, 'דְּאָחִיד בִּשְׁמַיָּא וּבְאַרְעָא', דְּהַיְנוּ כַּנַּ"ל, שֶׁיִּהְיֶה לְמַעְלָה וּלְמַטָּה, שֶׁיִּהְיֶה מַרְאֶה לְמִי שֶׁהוּא לְמַעְלָה, בִּבְחִינוֹת שָׁמַיִם, שֶׁהוּא לְהֵפֶךְ, שֶׁהוּא רָחוֹק מְאֹד וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל בִּידִיעָתוֹ יִתְבָּרַךְ, בִּחִינוֹת: 'מֶה חָמִית מַה יָּדַעְתְּ' וְכוּ', כִּי שָׁם לְמַעְלָה בַּשָּׁמַיִם, שָׁם דַּיְקָא, שׁוֹאֲלִים 'אַיֵּה מְקוֹם כְּבוֹדוֹ'. וּלְהֵפֶךְ, לְמִי שֶׁהוּא לְמַטָּה בָּאָרֶץ מַמָּשׁ, יִהְיֶה מַרְאֶה לוֹ כִּי ה' עִמּוֹ, כִּי 'מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ'. וְזֶהוּ עִקַּר הַשְּׁלֵמוּת, לִהְיוֹת לְמַעְלָה וּלְמַטָּה ...

[מג] עי' חיי מוהר"ן אות קט"ו, ואות רכ"ט. ועי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן סוף אות ט"ז.

ר' יודל איז אריין געקומען צום רבי'ן, און האט געזאגט; "ילמדינו רבינו דרך לעבודת השם"![מד] אזוי ווי איינער רעדט - א גדול צו א גדול, האט זיך אנגערופן דער רבי; "לדעת בארץ דרכך - אז דו ליגסט אין 'ארציות' ווילסטו וויסן א 'דרך' אין עבודת השם"?!

אזא מין גדול ווי רבי יודל איז געווען, זאל דער רבי זאגן "לדעת בארץ דרכיך"?! ס'איז דאך א געוואלד! נאר דער תירוץ איז; אז דער גדול וואס ער קומט צום צדיק, ווייזט ער איהם אז ער האט נאך גארנישט געטוהן, "מה חמית - וואס האסטו געזעהן"?! "מה פשפשת - האסט נאך גארנישט אפגעזוכט, ביסט נאך אינגאנצן (רחוק)"! 'איה מקום כבודו'! דאס איז א בחינה פון 'איה מקום כבודו', מען ווייזט איהם "וואו"?!, די מלאכים - זיי זאגן 'איה'!

און אז ס'ווערט מקורב צו איהם א 'קטן' (געבט ער איהם די לימוד פון 'מלא כל הארץ כבודו') - - -

*

# 'עליונים למטה ותחתונים למעלה'!

דער רבי האט געזאגט - צוויי שיחות איז דא פונעם רבי'ן, דער רבי האט אזוי געזאגט;[מה] "וואו עפעס רעכטס, איז מחויב צו מיר מקורב ווערן"! ווידער האט דער רבי געזאגט;[מו] "צו מיר ווערן מקורב אזעלכע מענטשן וואס דער שאול **תחתיות איז פאר זיי קארג"**!

איז דא די ביידע זאכן איז דאך דא דא; "וואו עפעס רעכטס" - דאס איז א 'גדול', און דער וואס "די שאול תחתיות איז פאר איהם קארג" - דאס איז א 'קטן'! און די ביידע - דאס דארף דער צדיק האבן - די ביידע לימודים דארף ער האבן! מיט 'איהם' (- הקטן) דארף ער לערנען א לימוד פון 'התחזקות', אזוי ווי מען האט פריער גערעדט "גאט איז מיט דיר" - -

---

[מד] עי' שיחות הר"ן אות רצ"ב, וכוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות כ"ג.

[מה] עי' חיי מוהר"ן אות רפ"ו.

[מו] עי' חיי מוהר"ן אות ש"י.

- דער רבי האט דעמאלטס געצויגן די ווערטער אויף דזשארגאן; "גאט איז מיט דיר, און ביי דיר, און לעבן דיר, האלט זיך"!!!

און א צדיק - נישט נאר ער 'זאגט', נאר ער גיבט איהם אריין ממש אז ער זאל פיהלן אז דער אויבערשטער איז מיט איהם!!! אז דער אויבערשטער קוקט ארויס אויף איהם! דאס הייסט אזוי ווי א קטן - גיבט ער איהם עסן חָלָב (- התחזקות).

א 'גדול' ווייטער - א גדול גיבט ער איהם עסן א 'מאכל הצריך לו', וואס דערמיט (- ע"י שני מיני הלימודים של הצדיק) - קען ער מקרב זיין דער גאנצער וועלט צום אויבערשטן!

*

טייטשט דער רבי איין די גמרא[מז] אז "קברו של משה" - איז "עליונים נדמה למטה ותחתונים נדמה למעלה"! א וואונדערליכע זאך טייטשט דער רבי דא איין; 'עליונים' - די 'גדולים' - ווייזט ער זיי אז זיי זענען 'אונטן', און 'תחתונים - נדמה להם למעלה', די תחתונים ווייזט ער זיי אז זיי זענען 'אויבן'!

איז דער כח האט געהאט דער רבי 'בחייו', און 'קברו של משה' האט אויך דעם אייגענעם כח! 'קברו של משה' - נאך דעם הסתלקות זיינע,[מח] האט ער דעם אייגענעם כח, אז ער ווייזט די עליונים אז זיי זענען למטה, און די תחתונים אז זיי זענען למעלה! דאס איז א געוואלדיגע התקרבות!

ווארן דער 'גדול' קען נישט ווערן מקורב צום צדיק, אז ער זאל נעמען (- לקבל מהצדיק) - סיידן ער מוז איהם ווייזן אז ער ווייסט גארנישט! דאס איז זיין 'רחמנות'! דעמאלטס קען ער נעמען, דעמאלטס קען ער גיין מדרגה לדרגה!

---

[מז] שם בליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ז' בסופו; וְזֶה בְּחִינַת קְבוּרַת מֹשֶׁה, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַמַּקִּיפִים, שֶׁהֵם טְמוּנִים מֵעֵין כֹּל. וְזֶה: 'עֶלְיוֹנִים נִדְמֶה לָהֶם לְמַטָּה וְתַחְתּוֹנִים נִדְמֶה לָהֶם לְמַעְלָה', הַנֶּאֱמָר בִּקְבוּרַת מֹשֶׁה. כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (סוֹטָה י"ד), זֶה בְּחִינַת כֹּל הַנַּ"ל, בְּחִינַת: "כִּי כֹל בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ", שֶׁצָּרִיךְ הַצַּדִּיק שֶׁזּוֹכֶה לְאֵלּוּ הַמַּקִּיפִים הַנַּ"ל שֶׁיִּהְיֶה לוֹ בְּחִינַת כֹּל כַּנַּ"ל, לְהַרְאוֹת לָעֶלְיוֹנִים שֶׁהֵם לְמַטָּה, שֶׁאֵינָם יוֹדְעִים כְּלָל בִּידִיעָתוֹ יִתְבָּרַךְ, בְּחִינַת: מָה חָמִית וְכוּ', וּלְהֶפֶךְ, תַּחְתּוֹנִים נִדְמֶה לָהֶם לְמַעְלָה, כִּי הֵם מַשִּׂיגִים, 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', בְּחִינַת: "וָאֶרְאֶה אֶת ה'".

[מח] ע' פרפראות לחכמה כאן אות כ"ו.

דער 'קטן' ווייטער - קען נישט מקורב ווערן, סיידן ער זאל איהם ווייזן אז דער אויבערשטער איז 'מיט איהם'! איז דאך א געוואלדיגע רחמנות ליגט אין דעם צדיק! אזא מין 'רחמן כזה' - ער קען זיין א מנהיג!

*

# 'והשיבו וחיו'

ברוך השם, מיר גלייבן באמונה שלימה, אז דער רבי איז דער רחמן! דער רבי איז דער מנהיג! מיר האבן שוין געזעהן - לאחר הסתלקותו איז שוין מקורב געווארן טויזענטער מענטשן.

מיר האבן אין אומאן געזעהן - אזעלכע מענטשן זענען געווארן מקורב צו אונז, וואס ממש דער שאול תחתיות איז געווען פאר זיי קארג!

- ס'איז מקורב געווארן א מענטש אין אומאן, וואס ער איז געווען אין די צייטן וואס ס'איז געווען די באנדעס (כתות הרוצחים), איז ער געגאנגען, און ער האט גע'הרג'עט אידן גלייך מיט זיי! ער איז געגאנגען מיט א ביקס געשאסן אידן!

א איד! און ער - נאכדעם וואס זיין טאטע איז געשטארבן, איז ער אריינגעקומען ער האט געוואלט זאגן קדיש נאך זיין טאטע, האט מען איהם אין קיין שום שול נישט אריינגעלאזט, ווייל מען האט געוואוסט ווער ער איז געווען, נאר אין אונזער שול לאזט מען דאך יעדן איינעם אריין, איז ער אריינגעקומען צו אונז, ער איז אריינגעקומען - ער האט אפגעזאגט קדיש און איז אוועקגעגאנגען! און אפילו קיין תפילין האט ער נישט געלייגט!

איז צוגעגאנגען צו איהם "יענקל זיטאמער" (אחד מאנ"ש), און זאגט איהם אזוי; "אז דו קומסט שוין אריין, לייג שוין תפילין"! האט ער אנגעהויבן לייגן תפילין, דער מענטש האט אנגעהויבן צו ווערן א בעל תשובה!

מען קען דאך פארשטיין - א מענטש וואס האט גע'הרג'עט אידן, וואס קען מען איהם זאגן? וואס קען ער טוהן תשובה? וואס פאר א מין תשובה קען ער טוהן?! ער איז געגאנגען מיט א ביקס און גע'הרג'עט אידן גלייך מיט די באנדעס!

נאר עס איז געווען אין אומאן - איז געווען א צייט וואס קיין מקוה איז נישט געווען אין שטאט, ס'איז נישט געווען קיין מקוה! (ששלטון הקאמוניסטן סגרו הכל),

אונזערע שול איז שוין געווען פארמאכט, מען האט שוין צוגענומען די מקוה - קיין מקוה איז נישט געווען אין שטאט! האבן מיר גזאגט צו משה'ן - ער האט געהייסן משה - "משה! דו ווייסט דאך וואס דו האסט געטוהן! אזוי ווי דו האסט דאך גע'הרג'עט מענטשן, דארפסטו איצטער 'ראטעווען מענטש', 'מאכן לעבעדיג מענטשן', איז 'מאך א מקוה'! מאך א מקוה העסטו 'מאכן לעבעדיג מענטשן'! העסטו ראטעווען צוריק מענטשן"!

איז דער משה געווען א בעל עגלה, מיט פערד מיט א וואגן מיט שטרוי, האט ער ביי זיך אין שטאַל - וואו ער האט געהאלטן די פערד - האט ער דארטן געמאכט א מקוה! א 'קוואל' - אפשר פופציג טרעפ אראפצוגיין!

און ער איז געווען זייער אין פחד פאר די רעגירונג - אז מען וועט וויסן ער מאכט א מקוה איז ער דאך איינגעשטעלט! און מען האט דאך טאקע גע'מסר'ט אויכעט! אבער ווען מען איז אריינגעקומען, האט מען געזעהן א 'שטאל מיט פערד'! מען האט גארנישט געזעהן! ווען מען האט באדארפט האט מען ארויסגענומען די פערד...

ער האט געראטעוועט די שטאט מיט מקוה! דאס האבן מיר איהם געזאגט; "אז מיר האפן צום אויבערשטן אז דאס וועט זיין צו דיר א תשובה! "האסט גע'הרג'עט מענטשן - ועסטו ווייטער מאכן צוריק לעבעדיג מענטשן"!

מען רעדט דאך אזוי - דאס איז געווען דער כח פונעם רבי'ן, ער האט גענומען אזעלכע ווייטע מענטשן - -

און דער משה פלעגט ארויפצוגיין צום רבי'ן אויפ'ן ציון - א שטיין וואלט צוגאסן געווארן ווי ער האט געגאסן טרערן! ער האט געוואוסט אויף וואס ער האט צו וויינען!!!

נאכדעם איז געווארן א כשר'ע שטוב ביי איהם, אז "ר' אברהם סופר" פלעגט עסן ביי איהם אין שטוב! ס'איז געווען ביי איהם א כשר'ע שטוב - מיט אלעם - איז געווארן!

*

דאס איז געווען דער כח פונעם רבי'ן! ווי אזוי האבן מיר איהם געקענט נעמען? נאר מיט דעם התחזקות וואס דער רבי זאגט; "משה, דו ביסט נישט א פארפאלענער! דער אויבערשטער וויל דיר! דער אויבערשטער קוקט ארויס אויף דיר"!

* * *

## 'לולי משה בחירו עמד בפרץ'

דער רבי זאגט;[מט] א 'רחמן כזה' איז נאר 'משה רבינו'! ער איז געווען דער 'מנהיג ישראל' - און ער וועט זיין דער 'מנהיג לעתיד', "כי מ'ה ש'היה ה'וא שיהיה" (-ראשי תיבות 'משה') ! און משה רבינו האט געהאט רחמנות באמת אויף אידן, ער האט זיך מוסר נפש געווען בשביל ישראל!

בשעת המן האט ארויסגעגעבן די גזירה פון 'להשמיד', זאגט דער מדרש[נ] - אז דער אויבערשטער האט אזוי געזאגט; המן, דו זאגסט 'להשמיד'?! אז איך האב געזאגט 'להשמיד' און ס'האט מיר נישט געהאלפן, זאגסטו להשמיד?!!!

ביי "ויאמר להשמידם לולי משה בחירו" - איז געקומען משה און געזאגט "ניין"! "ס'האט מיר נישט געהאלפן" - זאגט דער אויבערשטער צו המן - דו זאגסט "להשמיד"?! איך האב געזאגט "להשמידם", ס'האט מיר נישט געהאלפן!

אזא מין אמת'ער מנהיג איז משה רבינו געווען!

דער מדרש ברענגט;[נא] ער האט זיך אויסגעווארפן - קיין איין ווינקל איז נישט געווען אין הימל וואס ער זאל זיך נישט אויסווארפן זיך! "ויחל" ער איז געווארן

---

[מט] שם בלקו"מ אות ב'; וְרַחֲמָן כָּזֶה הוּא רַק מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, כִּי הוּא הָיָה מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל, וְהוּא יִהְיֶה הַמַּנְהִיג לֶעָתִיד, כִּי "מַה שֶּׁהָיָה הוּא שֶׁיִּהְיֶה" וְכוּ' (קֹהֶלֶת א'), כִּי מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָיָה לוֹ רַחֲמָנוּת בֶּאֱמֶת עַל יִשְׂרָאֵל, וּמָסַר נַפְשׁוֹ בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל, וְהִשְׁלִיךְ נַפְשׁוֹ מִנֶּגֶד, וְלֹא הָיָה חוֹשֵׁשׁ עַל עַצְמוֹ כְּלָל. כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אָמַר לוֹ (שְׁמוֹת ל"ב): "וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל", וְהוּא לֹא הִשְׁגִּיחַ עַל זֶה כְּלָל, רַק אָמַר: "אִם תִּשָּׂא חַטָּאתָם" וְכוּ' (שָׁם) ...

[נ] מדרש רבה, אסתר ז' י'.

[נא] מדרש רבה, דברים ג' י"א.

'קראנק', "ויחל" - עם האט איהם אנגעכאפט א 'ציטערניש' - וואס איז? ס'איז דא א גזירה אויף אידן![נב]

דער אמת'ער מנהיג האט אזוי פיל גע'פועל'ט, אז ס'איז נמתק געווארן די גזירה, מ'האט געבראכט די אידן קיין ארץ ישראל, ס'זאל בלייבן א פאלק - ישראל!

דער רבי זאגט; "דער מנהיג האט געהאט רחמנות באמת אויף אידן, ער האט זיך מוסר נפש געווען בשביל ישראל"!

*

## "אויף איהם קרעכצעט איר"?!

אויך דארף מען וויסן נאך א זאך, מען רעדט דא פון 'רחמנות', 'רחמנות'! איך וועל דערציילן א מעשה;[נג]

בשעת רבי נתן - דעם רבי'נס תלמיד - איז ארויס פון 'נעמירוב' קיין 'ברסלב' - - נאכן רבי'נס הסתלקות האט ער נאך געוואוינט אין 'נעמירוב', און ווען ער איז ארויס קיין 'ברסלב', איז אין ברסלב איז געווען איינער א איד - ער איז געזעצן (- געוואוינט) אויפ'ן פעלד - אויפ'ן בית הקברות, ער איז געווען אן ארימאן, און דאס איז געווען זיין פרנסה - אז ס'איז געווען עפעס א נפטר, האט מען איהם געגעבן עפעס אפאר גראשן (היה משרת את המלוים), דאס איז געווען זיין פרנסה!

און ער איז געווען א איד א גרויסער צדיק, א גרויסער עובד השם! האט זיך אנגערופן ר' נתן; **"אזא אידן לאזט מען זיצן אויפ'ן פעלד?! ער קען אמאל נישט האבן וואס צו עסן, זאל דער אויבערשטער צונעמען ביי איינעם א קינד, כדי מען זאל איהם גיבן א זעקסער! (- מין מטבע), ער טאר נישט זיצן אויפ'ן פעלד"!** האט רבי נתן איהם אראפגענומען פונעם פעלד, און רבי נתן האט איהם תומך געווען!

---

[נב] עי' ברכות דף ל"ב ע"א.

[נג] עי' שיש"ק ה' אות צ"ב.

ער האט געהייסן "ר' נחמן ב"ר יודל" - האט ער געהייסן דער דאזיגער, ער איז געווען אזא מין עובד השם, אז ר' נתן פלעגט גיין צו איהם! ער האט נישט געהאט קיין צייט צו גיין צו ר' נתן - איז ר' נתן איז געגאנגען צו איהם!

און ער איז געווען א קראנקער מענטש, ער איז געווען א גרויסער ארימאן, און ער האט געהאט א ווייב אויכעט א גרויסע צרה... איז געווען אמאל דארטן ערב שבת, האבן אונזערע לייט ביי ר' נתן דארטן געזעצן, מען האט באקומען עפעס רחמנות אויף דעם ר' נחמן ב"ר יודל; "איי אויף ר' נחמן, א רחמנות, נעבעך א קראנקער און א ארימער, מיט א שלעכטע ווייב"!

האט זיך אנגערופן ר' נתן; "אויף איהם קרעכצעט איר"?! "אויף איהם קרעכצעט איר", ער האט אנגעהויבן אויסצורעכענען; "ער איז א ארימאן, ער איז א קראנקער מענטש, שעל-ידי-זה וועט ער בוודאי נישט זיין קיין 'רואה פני גיהנם'! קרעכצען זאלט איר קרעכצען אויף 'דעם' - ער האט געגעבן עפעס א נאמען פון א גרויסן גביר - אויף איהם זאלט איר קרעכצען! ער עסט אפ די סעודת צהרים, ער לייגט זיך צו, ס'טוהט זיך מיט איהם וואס ער ווייסט, אויף איהם זאלט איר קרעכצען!!!

*

## "גאר מיין מזל זאל נישט זיין פון איהם פארמיטן"!

זעהט מען אז דער רחמנות פונעם אמת'ען מנהיג - איז גאר א אנדערע סארט רחמנות! ער זעהט דאך! - - אזוי אז מיר קוקן אן א מענטשן זעהען מיר נאר דאס (יסורי גשמיות), אבער דער צדיק זעהט שוין דער סוף! ער זעהט וואס ס'איז געווען אין 'דעם גלגול' און אין 'דעם גלגול', און ער זעהט וואס איהם פעהלט!

ווי דער רבי פארציילט אין דער מעשה פון די בעל תפילה, אז אמאל איז געווארן צו איהם מקורב א 'עושר' און ער האט איהם געמאכט פאר א 'ארימאן'!

ווייל דער אמת'ער מנהיג, דער אמת'ער רחמן, ער האט דאך א ווייטן קוק, ער זעהט דאך וואס איהם פעהלט! ווייל אז איך וועל איהם געבן דארטן (איזה הרחבה בגשמיות) - וואס וועט שוין זיין דערפון?! ער דארף דאך א אנדערע זאך! א אנדערע ישועה דארף ער האבן!

*

אויף דעם שטייגער געפונען מיר - אז דער ארימאַן'ס ווייב[נד] האט געזעהן דעם צער מיט דער מסירות נפש וואס דער 'בערגער' האט פון אירעט וועגן, האט זי אזוי געזאגט; "אז גאר מיין מזל און מיין הצלחה זאל נישט זיין פון איהם פארמיטן"! (כלומר;) וואס ער וויל זאל ער טוהן מיט מיר! - אט דאס הייסט התקרבות צום צדיק - אז מען גיבט זיך איבער! וואס ער וויל זאל ער טוהן מיט מיר - וואס ער ווייסט אז דאס איז מיין טובה - - דאס!

(חסר קצת)

*

## דער 'עיקר' מענטש!...

ער איז געווען דער 'רחמן' און דער 'מנהיג אמיתי', און ער האט עוסק געווען 'בישובו של עולם'[נה] - אז די וועלט זאל זיין מיושב מיט מענטשן! דאס הייסט מיט 'דעת', וואס דער עיקר מענטש - זאגט דער רבי - איז דער 'דעת'!

- - דאס דארף מען אויך אסאך בעטן דעם אויבערשטן, אז מען זאל וויסן ווער איז דער עיקר 'מענטש'! דער 'מענטש' - ער היט זיך אפ, מען זעהט דאך - טאמער אמאל איז מען אביסל צוגעקילט, פילט ער שוין אז ער איז צוגעקילט, ער גיבט עפעם א 'הים' אביסל - - -

דארף מען וויסן אז דער 'עיקר מענטש' איז דער 'דעת'! און דער דעת דארף מען זייער אפהיטן, אז דער דעת זאל נישט זיין קאליע, דער דעת זאל נישט זיין פגום!

דארף מען אויכעט בעטן דעם אויבערשטן, און וויסן וועלכע'ס איז דער עיקר 'מענטש'! דער עיקר מענטש - זאגט דער רבי - איז דער 'דעת'! און ווער ס'האט

---

[נד] סיפורי מעשיות - במעשה 'בערגיר ועני'.

[נה] בלקו"מ תניינא תו' ז' אות ב'; וְרַחֲמָן כָּזֶה הוּא רַק מֹשֶׁה רַבֵּנוּ ... כִּי הוּא הָיָה רַחֲמָן וּמַנְהִיג אֲמִתִּי, וְהָיָה עוֹסֵק בְּיִשּׁוּבוֹ שֶׁל עוֹלָם, שֶׁיִּהְיֶה הָעוֹלָם מְיֻשָּׁב מִבְּנֵי אָדָם. כִּי עִקַּר הָאָדָם הוּא הַדַּעַת, וּמִי שֶׁאֵין לוֹ דַּעַת, אֵינוֹ מִן הַיִּשּׁוּב וְאֵינוֹ מְכֻנֶּה בְּשֵׁם אָדָם כְּלָל, רַק הוּא בְּחִינַת חַיָּה בִּדְמוּת אָדָם. וּמֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָיָה לוֹ רַחֲמָנוּת, וְהָיָה עוֹסֵק בְּיִשּׁוּב הָעוֹלָם, שֶׁיִּהְיֶה הָעוֹלָם מְיֻשָּׁב וּמְמֻלָּא מִבְּנֵי אָדָם, הַיְנוּ בְּנֵי דֵּעָה כנ"ל, כִּי הוּא פָּתַח לָנוּ אוֹר הַדַּעַת ...

נישט קיין דעת, איז ער גארנישט פון דעם 'ישוב', "ואינו מכונה בשם אדם כלל", נאר ער איז גאר א "חיה בדמות אדם"!

דארף מען גוט אסאך רעדן צום אויבערשטן דיבורים, אז מ'זאל וויסן ביי זיך - אז אויב איך האב נישט דער דעת וואס איך דארף האבן, בין איך א נאר א 'חיה בדמות אדם', דער עיקר מענטש איז דער דעת!

*

דער צירוף פון דעם רבי'ן איז "נ'חל נ'ובע מ'קור ח'כמה",[נו] דאס איז א 'מקור פון חכמה', א 'מקור פון חכמה'! וואס ווער עס רירט זיך צו צו דעם רבי'ן - גיבט ער איהם אריין דעת!

א 'מקור פון חכמה', א 'נחל נובע' - א טייך וואס עס האלט אין איין קוועלן חכמה! אן א אויפהער! און ס'איז מספיק פאר יעדעם איינעם וואס ער רירט זיך צו צום רבי'ן - ער זאל איהם אריין גיבן דעת! ער זאל איהם אריינגעבן דעת - ער זאל וויסן אז דער עיקר מענטש איז נאר דער דעת! אויף דאס אליין דארף מען דאך האבן א גרויסן דעת!

*

# "לעבעדיגע טעג"!

אז דער אויבערשטער העלפט מיר, אז ס'גייט דורך א טאג, און איך האב עפעס א שטיקעלע סדר - איז דאס א 'טאג'! אז נישט - רופט עס אן דער רבי;[נז] 'ימים מתים' - 'פגרים ממש', געשטארבענע טעג!

לאמיר מאכן פאר זיך א חשבון; היינטיגע טאג האב איך פארדינט אסאך 'אלפים' - און נעכטן האב איך נישט פארדינט, אבער נעכטן האב איך געהאט מער אידישקייט און היינט האב איך נישט געהאט - איז דאך די נעכטיגער טאג פיל חשובער - אז נעכטן איז געווען מער 'דעת'!!!

[נו] עי' חיי מוהר"ן אות קפ"ט.

[נז] עי' ליקוטי מוהר"ן אות קע"ט.

דארף מען אסאך בעטן דעם אויבערשטן - - וועלכער עס הייסט א טאג, וועלכער ס'איז א טאג!!

עס שטייט אין זוהר הקדוש;[נח] "ויקרבו ימי ישראל למות" - זאגט דער זוהר הקדוש - אלע טעג קומען צו גיין דעמאלטס! און ביי דעם אמת'ן צדיק איז דאך זיכער אלעם גאנצע טאג!

"ויקרבו ימי ישראל", "ויקרבו ימי דוד" - שטייט אז אלע טעג קומען צו גיין, און שטייען דעמאלטס פאר'ן אויבערשטן! מען קוקט דא מען זעהט די טעג!

*

## 'מקטן ועד גדול'!

דאס גרויסקייט וואס דער רבי האט מודיע געווען - אונזערע לייט ווייסן דאך, נאר וואס דען - מ'חזר'ט איבער דעם רבי'נס א דיבור; "אז מען זאל זיך זייער אויסרעדן דאס הארץ פאר השם יתברך"!

אז מען רעדט זיך אוים דאס הארץ פאר'ן אויבערשטן, איז גיבט מען אריין א חיות אין דעם טאג! דער טאג הייסט א ביסעלע א 'טאג'! אבער דעם טאג וואס מען רעדט זיך נישט אוים דאס הארץ פאר'ן אויבערשטן - איז דאס גאר קיין טאג נישט!

און דער אמת'ער מנהיג טוהט אזוי פיל רעדן - - אלע צדיקים רעדן פון התבודדות, אלע רעדן פון התבודדות - רעדן זיי פאר די גדולים, אבער דער רבי זאגט "מקטן ועד גדול"![נט]

דער רבי איז געווען אזא מין 'טוב עין', דער רבי האט יעדעם איינעם פארגינען, אפילו דער קלענסטער - קען ער גיין מיט א וועג פון דעם גרעסטן![ס] דער קלענסטער קען אויפשטיין חצות! דער קלענסטער קען זיך אויסרעדן דאס הארץ פאר'ן אויבערשטן!

---

[נח] עי' זוהר הקדוש ויחי דף רכ"א ע"ב, עה"פ "ויקרבו ימי ישראל למות".

[נט] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ה.

[ס] עי' חיי מוהר"ן אות שי"ד.

אמאל האט מען נאר גערעדט פאר 'גדולים' - צו א גדול איז שייכות אזעלכע זאכן! "ניין" - דער רבי זאגט "ניין", דער תורה איז געגעבן געווארן פאר'ן קלענסטן ביזן גרעסטן! נאר דער קלענסטער וועט רעדן צו אויבערשטן וואס 'איהם' פעהלט, דער גרעסערער וועט רעדן וואס 'איהם' פעהלט! אבער דער וועג פון רעדן צום אויבערשטן און זיך אויסרעדן "שפכי כמים ליבך" - דאס איז שייך פאר יעדעם איינעם!

דאס איז אויך מגודל רחמנותו, וואס דער רבי טוהט פאר אונז - "מקטן ועד גדול" - זאגט דער רבי!

**דער רבי האט דערציילט[סא] - אז די אלע גדולים וואס זענען געקומען צו זייער זאך איז נאר געווען דורך רוב התחזקות, און דורך רוב התבודדות!**

רבי נתן האט אזוי געזאגט מיט דעם לשון; ווי איך זעה עפעס א קלקול - אדער ער האט גארנישט געהאט קיין התבודדות, טאמער ער האט געהאט - האט ער געהאט ווינציג!

דאס איז דאך די "עצה הכללית" פון דעם רבי'ן - דער עצה אויף אלדינגס! אוודאי - פונעם רבי'ן - איז דא זייער אסאך טייערע - - דער 'לקוטי מוהר"ן' איז אוודאי א טייערע אוצר! דער לקוטי מוהר"ן איז מטהר דעם נפש, און מטהר דעם גוף! דער לקוטי מוהר"ן גיבט אריין דעם מענטשן א שטיקעלע דעת, אביסל מח גיבט ער איהם אריין! ער דערווייטערט איהם פון די נער'ישקייטן!

נאר וואס דען - צו דעם לקוטי מוהר"ן דארף מען מצרף זיין 'תפילה' אויכעט! מאכן פון תורות תפילות - זאגט דער רבי - אז דער אויבערשטער האט דערפון אזעלכע "שעשועים אשר מימות עולם לא עלו"![סב]

א איד - ער לערנט עפעס, נאכדעם בעט ער אז ער זאל מקיים זיין וואס ער לערנט, האט דער אויבערשטער אזוי א תענוג, אזעלכע שעשועים - אשר מימות עולם לא עלו! ס'איז דאך א געוואלד, ס'איז א געוואלדיגע לשון דאך דא!

---

[סא] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ח (- 'התחזקות'), ושם סי' כ"ה (- 'התבודדות').

[סב] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ה, שיחות הר"ן אות קמ"ה.

דאס נעמט זיך אלץ - די אלע עצות - ווייל דער רבי איז א רחמן! ער האט אויף א יעדעם איינעם רחמנות!

היינט איז דאך אויך דא מענטשן וואס זאגן; התבודדות איז נישט שייכות צו אייך! חצות איז נישט שייכות צו אייך! - דער רבי זאגט נישט אזוי!!!

*

# 'פדיון הכולל'!

חצות איז א גרויסער 'עת רצון', ס'איז דא 'פיר און צוואנציג שעה' אין טאג, און ס'איז דא 'פיר און צוואנציג בתי דינים',[סג] און זיי דארפן אלע האבן א המתקה, און דער המתקה איז נאר אין דער צייט פון חצות! דאס איז א עת רצון, דעמאלטס מאכט מען א פדיון - א 'פדיון הכולל' וואס ס'איז כולל די אלע כ"ד בתי דינים! מ'מאכט א המתקת הדינים![סד]

האט דער אויבערשטער רחמנות געהאט אויף יעדן אידן, אזוי ווי ס'איז דא א טאג פון 'התגברות הדינים', איז דא א צייט פון 'חצות' - דאס ראטעוועט דאס גאנצע טאג! דאס דארף דאך יעדער איינער האבן!

זעהן מיר אלץ ארוים - אז דעם רבי'נס זאך איז געווען - נישט זאגן; "דאס איז נישט שייכות צו דעם", "דאס איז נישט שייכות צו דעם"! נאר מחמת גודל רחמנותו - וואס דער רבי האט רחמנות געהאט אויף יעדן איינעם - האט ער איהם מודיע געווען; "זאלסטו וויסן, דאס איז שייכות צו דיר אויכעט"!

[ווען מיר אביסעלע ליינען פונעם הסתלקות פונעם רבי'ן; (קורא מתוך ספר ימי מוהרנ"ת סימן נ"ד נ"ה)].

- - -

[סג] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' רט"ו.

[סד] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קמ"ט, ועפ"י ליקוטי הלכות ברכת השחר ה"ה אות ד'.

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

הרה"ח ר' **אברהם צבי קלוגער** שליט"א
בית שמש יצ"ו

מוה"ר **שאול יחזקאל גראס** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב**

מוה"ר **אהרן יודא וויטריאל** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת היכנס בנו לעול התורה והמצוות**

לזכר נשמת ר' **אברהם** ע"ה בן ר' **משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דר"ה
תשע"ט תנצב"ה

מוה"ר **נחמן פריעדמאן** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **נחמן ליכטענשטיין** הי"ו
ירושלים תובב"א
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **יעקב משולם גרינפעלד** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **שמחה ריינער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **שלמה בנימין זילביגער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת היכנס בנו הבחור כמר **אברהם אהרן** נ"י לעול התורה והמצוות